UK Health
Security
Agency

# צענערלינג Td/IPV (׳טינעידזשער׳) 3 אין 1 בוסטער



ביי די 14 יאר אדער במשך יאר 9 פון סקול ווערט איר בארעכטיגט פאר דעם 3 אין 1 צענערלינג בוסטער דאזע פונעם וואקסין וואס העלפט פארמיידן טעטענוס, דיפטעריע און פּאליא. **דער Td/IPV וואקסין וועט העכערן אייער קערפער׳ס אימוניטעט צו די אנשטעקיגע קראנקהייטן וועלכע עס איז שוין מעגליך שוואכער געווארן זייט איר זענט אויפגעוואקסן.**

## צי זענען דא זייטיגע ווירקונגען (׳סייד-עפעקטס׳)?

עס טרעפט זיך אז עס ווערט געשוואלן, רויטליך אדער צארט אויפ׳ן פלאץ פונעם איינשפריץ. צומאל מאכט זיך א בייל וואס טוט נישט וויי, אבער עס גייט געווענליך אוועק ביז עטליכע וואכן. מער ערנסטע ווירקונגען טרעפן זיך זעלטן אבער עס קען זיך מאכן מען זאל האבן פיבער, קאפ ווייטאג, שווינדלען, אדער זיך שפירן פאר׳חלש׳ט, פאראיבלט, אדער האבן געשוואלענע דריזן.

אויב איר שפירט זיך נישט גוט נאך דער אימוניזאציע, נעמט פאראצעטאמאל. לייענט די אנווייזונגען אויפ׳ן באטל אדער אויפ׳ן פעקל מיט פארזיכטיגקייט און נעמט די ריכטיגע דאזע פאר אייער עלטער. אויב נייטיג, נעמט א צווייטע דאזע 4 ביז 6 שעה שפעטער.

אויב אייער פיבער איז נאך אלץ הויך נאך דער צווייטער דאזע, דאן רעדט מיט אייער GP אדער רופט דעם בחינם׳דיגן NHS העלפּ-ליין 111.

אויב איר שפירט סיי וועלכע פארדעכטיגטע זייטיגע ווירקונגען פונעם וואקסין, קענט איר זיי באריכטן אויף דעם Yellow Card וועבזייטל אדער דורך רופן 0800 731 6789 (9 אינדערפרי ביז 5 נאכמיטאג, מאנטאג ביז פרייטאג) אדער דורך דאָונלאד׳ען דעם Yellow Card עפּ.
**www.mhra.gov.uk/yellowcard**

**יעצט איז א גוטע צייט נאכצוקוקן צי איר זענט מיטגעכאפט מיט אלע אייערע אימוניזאציעס**

**NHS וואקסינאציעס**

**אימוניזאציעס פאר יוגנטליכע**

פאר מער אינפארמאציע איבער וואקסינאציעס פאר צענערלינגען, באזוכט **www.nhs.uk/vaccinations** אדער לייענט **https://qrco.de/YoungPeopleImms**



**עס איז נישט צו שפעט זיך מיטצוכאפן אויף די דאזעס וואס איר האט מעגליך פארפאסט.**

דאס בלעטל איז פראדוצירט געווארן דורך דער ׳יו-קעי געזונטהייט זיכערקייט אגענטור׳.

© Crown copyright 2023. 1P 100K JULY 2023 (APS). Product code: YP3BG1YI Yiddish. UK Health Security Agency gateway number: 2023192.

דאס בלעטל קען מען באשטעלן אדער דאונלאד׳ען פון:
www.healthpublications.gov.uk, דורך רופן: 0300 123 1002
(ליניעס זענען אפן פון 8 אינדערפרי ביז 6 אוונט, מאנטאג ביז פרייטאג).

פאפירענע קאפיעס פון דעם בלעטל אין ענגליש זענען דא אויף צו באשטעלן.

איבערגעזעצטע ווערסיעס פון דעם בלעטל זענען אויך דא אויף צו באשטעלן.

## קענען וואס טוט מיך דער וואקסין באשיצן?

T

### טעטענוס

טעטענוס איז א פיינליכע מחלה וואס אפעקטירט דעם נערוון סיסטעם, וואס קען פירן צו מוסקל ספאזמען, און קען גורם זיין אטעמען פראבלעמען, און קען חלילה הרג׳ענען ל״ע. עס ווערט פאראורזאכט ווען באקטעריע וואס געפונט זיך אין די ערד און אין צואה פון בעלי חיים גייט אריין אינעם קערפער דורך אפענע שניט אדער וואו אפגעבריט. טעטענוס קען נישט אנגעשטעקט ווערן פון איין מענטש צום צווייטן.

D

### דיפטעריע

דיפטעריע איז אן ערנסטע מחלה וואס הייבט זיך אן געווענליך מיט האלז-ווייטאג און קען שנעל גורם זיין אטעמען פראבלעמען. עס קען שעדיגן דאס הארץ און דעם נערוון סיסטעם, און אין גאר הארבע פעלער, קען עס אויך טויטן ל״ע.

IPV

### פּאָליאָ

פּאָליאָ איז א ווירוס וואס באפאלט דעם נערוון סיסטעם, און עס קען פאראורזאכן פערמאנענטע פאראליז אין די מוסקלען. אויב אפעקטירט עס די מוסקלען פון ברוסטקאסטן אדער דעם מוח, קען פאליא טויטן ל״ע.

דער צענערלינג בוסטער וואקסין הייסט ׳רעוועקסיס׳ (Revaxis), איר קענט לייענען דעם פאציענט אינפארמאציע בלעטל אויף **www.medicines.org.uk/emc/product/5581/pil**

## אויב איך בין אימוניזירט געווארן קעגן טעטענוס, דיפטעריע און פאליא אלס קינד, בין איך נאך אלץ פולקאם באשיצט?

ניין, איר דארפט נאך אלץ האבן א בוסטער אויף שטערקער צו מאכן די באשיצונג וואס איר האט פריער באקומען.

## וויפיל בוסטערס דארף איך באקומען?

איר דארפט א סך הכל פון 5 דאזעס פון טעטענוס, דיפטעריע און פאליא וואקסינען כדי צו בויען און אנהאלטן אייער אימוניטעט.

איר זאלט האבן געהאט:

**די ערשטע 3 דאזעס**
אלס קליין קינד

**דאזע 4**
ווען איר זענט געווען צווישן 3 און 5 יאר אלט, דאס איז דער פרי-סקול בוסטער

**דאזע 5**
דארף מען באקומען אין יאר 9 (אין עלטער פון 13 ביז 14)

## צי וועל איך דארפן האבן נאך בוסטערס אינעם צוקונפט?

איר וועט מסתם נישט דארפן האבן ווייטערדיגע בוסטערס פון די וואקסינען. איר וועט אבער זיך נייטיגן אין עקסטערע דאזעס פון געוויסע וואקסינען אויב איר באזוכט געוויסע לענדער אדער אויב איר ווערט געשעדיגט, דאן וועט איר מעגליך דארפן האבן נאך א טעטענוס איינשפריץ. פרעגט נאך ביי אייער פראקטיק נורס ביי אייער GP סורדזשערי.

## וויאזוי וועל איך באקומען דעם Td/IPV בוסטער?

איר וועט באקומען 1 איינשפריץ אין אויבערשטן טייל פון אייער ארעם. קיינער האט נישט ליב קיין איינשפריצן, אבער עס ווערט געמאכט זייער שנעל. די נאדלען וואס מען ניצט זענען גאר קליינע, און איר וועט מסתם נאר שפירן א קליין ציפ. אויב איר זענט אביסל נערוועז איבער באקומען דעם איינשפריץ, דערציילט דעם נורס אדער דאקטער בעפאר איר באקומט עס.

## צי זענען פאראן סיי וועלכע אנדערע אימוניזאציעס וואס איך דארף יעצט באקומען?

ווען איר באקומט אייער Td/IPV בוסטער וועט איר אויך זיין בארעכטיגט פאר אייער MenACWY וואקסין. איר זאלט דאס באקומען איידער איר פארלאזט סקול. רעדט צו אייער סקול נורס אויב איר האט עס פארפאסט און איר זענט נאך אלץ אין סקול. אויב איר זענט שוין מער נישט אין סקול, דאן פארבינדט אייך מיט אייער GP פראקטיק אויף מסדר צו זיין אויף זיך אויפצוכאפן. עס איז ראטזאם נאכצופרעגן ביי אייער GP פראקטיק צי אלע אייערע אנדערע אימוניזאציעס זענען אפ-צו-דעיט, אריינגערעכנט HPV און MMR (מיזעלס, מאמפס און רובעלא).



**אויב איר האט קיינמאל נישט באקומען דעם MMR וואקסין, זאלט איר באקומען איין דאזע יעצט און נאך איינס 1 חודש שפעטער כדי אייך צו באשיצן קעגן מיזעלס, מאמפס און רובעלא.**